ת"ת תורה ויראה
דרב"י מסאטמאר
קרית יואל
בנשיאות כ"ק מרן אדמו"ר שליט"א

בעזהשי"ת

# זקניך ויאמרו לך

גליון
תתקנ"ב
פרשת כי תצא
שנת תשפ"ו לפ"ק

ח' אלפים א') עס האט דערציילט אונזער עלטער זיידע

## כ"ק מרן רבינו הגה"ק הברך משה זלה"ה

### הגה"ק רבי אברהם יושע פריינד זצוק"ל מנאסאד

עס איז געווען ווען דער זיידע **מרן רבינו הברך משה זלה"ה** איז געגאנגען באזוכן ביי ידי"נ **כ"ק הגה"ק רבי משה ארי' פריינד זלה"ה גאב"ד ירושלים**, בעמח"ס עטרת יהושע (היארצייט כ' אלול) ווען ער איז געקומען קיין אמעריקע צו די חתונה פונעם רבי'נס עלטסטע אייניקלעך. און ער האט געהאט די אכסניא אין שטוב פון זיין פלומעניק הרב החסיד בנש"ק ר' ישראל ניימאן ז"ל. (מוצש"ק ויצא תשמ"ה).

ביים שמועס האט דער רבי דערציילט איבער זיין התקרבות צו זיין זיידן **הגה"ק רבי אברהם יהושע פריינד זצ"ל, דער נאסאדער רב** (היארצייט י"א אלול).

מיר זענען מעתיק לשון צדיק: (מתוך שיחה שנדפס בגליון 'היכלא דמלכא').

"איך געדענק, איך בין געווען אין קראלי אויף דער חתונה פון מיין ברודער (כ"ק הגה"צ רבי יקותיאל יודא ז"ל אב"ד סיגוט, עב"ג הרבנית הצדיקת רחל ע"ה בת רבינו הק' זי"ע, ט"ז כסלו תר"צ). איך בין דאן אלט געווען פערצן יאר, בין איך געווען ביים **נאסאדער רב** ז"ל. ער איז איינגעשטאנען ביי ר' אלחנן זלמן גאלדשטיין אין קראלי. איך בין געווען דעמאלטס, און ער איז געשטאנען, און איך האב אים געבעטן ער זאל זיך אראפזעצן. ער האט זיך נישט געוואלט אראפזעצן, א גאנצע צייט איז ער געשטאנען, ער האט מיך געלאזט זיצן.

ער האט מיך דעמאלטס אויסגעפרעגט אויפ'ן טאטן זכרונו לברכה. פונקטליך, ווען ער האט געשריבן, האט ער אויסגעפרעגט די אופן הסתלקותו פון עצי חיים און די חידושים וואס זענען איבערגעבליבן, און אויף וועלכע מסכתות ער האט געשריבן חידושי תורה". (עיין בספר **תפארת נפתלי** מכתבים ומנהגים עמוד צ"ב בשם רבינו ז"ל).

בייא שפעטערדיגע באזוך (י"א אלול תשנ"ב, אינעם יארצייט פון נאסאדער רב) האט דער רבי גערעדט מיטן ירושלימ'ער רב איבער די מעשה און ער האט זיך אויסגעדרוקט: **"איך ווייס נישט וואס ער האט געוואלט פון מיר; איך האב נישט געוואוסט וואו זיך אהינצוטון. איך האב אים כמה פעמים געבעטן ער זאל זיך אראפזעצן, אבער ער האט זיך נישט וויסנדיג געמאכט מיט מיינע הפצרות, ער איז געבליבן שטיין, און מיך האט ער געלאזט זיצן".**

ב. דער רבי האט דערציילט פאר'ן **ירושלימ'ער רב** ז"ל א מעשה וואס דער **נאסאדער רב** ז"ל האט אים דעמאלטס דערציילט, וואס ער האט אליין מיטגעלעבט ביים **ייטב לב** ז"ל.

דער **ייטב לב** איז געפארן צו א ברית מיט א פיאקער, און ער האט געזאגט אז ער קען נישט זיצן אויפן וואגן. נאכדעם האט מען געזען עס איז געווען 'צמר פעדימער'... וועגן דעם האט ער נישט געקענט זיצן.

אן ענליכע מעשה איז געווען ביים **צאנזער זיידן** ז"ל.

דער 'בינדער' פון שטאט איז אריינגעקומען צום דברי חיים, האט ער אים געפרעגט "ווער ביסטו?" ס'איז געווען א פלא, ווייל ער האט אים גוט געקענט, נאר ער איז געווען אנגעטון מיט בגדי צמר.

מ'האט דערציילט אז דער בינדער האט געזאגט פאראויס "ווילט איר זען אז ער וועט מיך נישט דערקענען?" האט ער זיך אנגעטון בגדי צמר, און דער צאנזער זיידע האט אים טאקע נישט דערקענט.

דער רבי האט אויסגעפירט "ווען איך בין געווען אין קראלי, האט דער נאסאדער רב מיר דערציילט די מעשה."

דער רבי האט באטאנט אז ווען דער נאסאדער רב האט גערעדט פון **ייטב לב**, האט ער געזאגט **יִיטַב לֵב**, מיט א חיריק און א פתח, נישט ווי די וועלט זאגט **'יֵיטֶב לב'** מיט א צירי. אז אויך זיין פאטער דער **עצי חיים** פלעגט זאגן מיט א חיריק.

דער רבי האט צוגעגעבן אז דער ייטב לב האט געוואלט אז מ'זאל רופן זיין ספר **יִיטַב לֵב**. ווען ס'איז ארויסגעקומען דער **ייטב לב** חלק א' אויף סדר בראשית, און ער האט געזען אז מ'רופט עס מיט א צירי, האט ער געהייסן דרוקן חלק שני אויף סדר במדבר מיט נקודות.

כידוע אויך **כ"ק מרן רביה"ק הדברי יואל** ז"ל פלעגט **זאגן יִיטַב לֵב** ווען ער האט נאכגעזאגט דעם ספר. ביי איינע פון די תורות הערט מען ווי דער רבי זלה"ה - זאגט **"דער זיידע זכרונו לברכה דער 'יֵיטֶב לב' זאגט אין ספר יִיטַב לֵב"...**

ח' ב') עס דערציילט

## כ"ק אדמו"ר מבאבוב שליט"א

### ויהי מקץ שנתיים ימים

איך האב זוכה געווען צו זיין אמאל בקודש פנימה **ביי כ"ק מרן רביה"ק** זלה"ה אין בעלל הארבער, און איך האב געזעהן ווי א אינגערמאן איז צוגעגאנגען צום רבי'ן און זיך מזכיר געווען פאר זש"ק.

האט דער רבי געפרעגט 'וויפיל איז נאך די חתונה'? האט דער אינגערמאן געענטפערט 'א יאר מיט צעהן חדשים'.

האט דער רבי געזאגט "פאר צוויי יאר האט דער טאטע נישט געלאזט אריינשרייבן אין קוויטל אן הזכרה פאר זש"ק". (משיח"ק עם הגה"צ רבי שמואל דוד סאקס שליט"א דומ"צ קהל יט"ל קעידסקעד, ד' כי תצא תשפ"ו)

ח' ג') עס דערציילט אונזער זיידע

## כ"ק אדמו"ר מגארליץ שליט"א

### בשעה טובה ומוצלחת

עס איז געווען אמאל ווען מיר זענען געזעסן אין שטוב פון ש"ב **הגה"ק רבי דוד יונגרייז זלה"ה** ראב"ד ירושלים עיה"ק.

עס איז געווען בעפאר מיין שוועסטער תחי' איז א כלה געווארן, און עס איז געווען אפגעשמועסט אז איינס אזייגער וועט זיין דער קישור החיתון. אינמיטן איז מען געקומען מעלדן אז מ'דארף דאס אפשטופן מיט א שעה, ווייל די באבע שפירט זיך נישט גוט, און זי דארף גיין צום דאקטער.

ווען דער ראב"ד האט דאס געהערט האט ער געזאגט "עס האט גארנישט צוטוהן מיט די באבע ווי אזוי זי שפירט זיך, נאר אז עס איז באשערט א שידוך איז דאס אפגעשריבן 'בת פלוני לפלוני', אויך וועלכע שעה און אין וועלכע מינוט עס זאל זיין, די ריכטיגע מינוט איז באשערט אויף 2 אזייגער, וועגן דעם האט מען געפירט פון הימל אז זי זאל דארפן גיין צום דאקטער".

ח' ד') עס דערציילט אונזער זיידע

## הרה"ג ר' שלום וועבערמאן שליט"א – מנהל בית רחל

### לדו"ד ה' אורי

איך האב געהערט פון מיין טאטן הרב החסיד ר' פנחס דוד ז"ל, ער האט געלערנט אינדערהיים אין די ישיבה אין סעקעלהיד אונטער די נשיאות פון הגה"ק ר' **יודא סג"ל ראזנער** ז"ל דער סעקלהידער רב, וועלכער האט געפירט א גרויסע ישיבה פון 400 בחורים. צווישן זיי איז אויך געווען כ"ק מרן אדמו"ר **מתולדות אהרן** זצוק"ל, און אך בחורים בני עלי'.

איז געווען אמאל ווען מיין טאטע האט געדארפט אריינגיין צום רב אין שטוב עפעס איבערשמועסן, האט ער געזען ווי עס קומט אן א דעלעגאציע פון די ראשי הקהילה פון די שטאט אוהעל, וואס זענען אריבערגעקומען צום רב. ער איז מיטגעגאנגען מיט זיי און ער האט מיטגעהאלטן דעם גאנצן באזוך.

עס האט זיך ארויסגעשטעלט אז די אפיציעלע קהילה פון אוהעל איז דאן געשטאנען אן א רב מרא דאתרא. (עס איז געווען א צווייטע קהילה וואס האט זיך גערופן 'קהל ספרדים', וואס איז געווען אונטער די נשיאות פון הגה"ק ר' דוד דוב מייזליש ז"ל בעמח"ס "בנין דוד").

די ראשי הקהילה פון אוהעל האבן געוואלט אויפנעמען דעם סעקעלהידער רב אלס רב אב"ד אין אוהעל, און זיי האבן שוין געהאט מיט אים פון פאראויס אפגעשמועסט אלע פרטים. אריינגערעכנט דאס וואס זיי נעמען זיך אונטער אויסצוהאלטן די גרויסע ישיבה מיט אלע אירע הצטרכות.

איינער פון די ראשי הקהילה האט זיך אויפגעשטעלט און האט פארגעליינט דעם הערליכן 'כתב רבנות' און מען האט נאכדעם געוואונטשן 'מזל טוב', און געגעבן 'לחיים'.

תוך כדי כך רופט זיך אן איינער פון די ראה"ק צו זיינע ידידים "אה, יעצט וועלן מיר שוין האבן א גוטן שטעקן קעגן ר' דוד'ן...

דער סעקעלהידער רב האט געהערט די ווערטער, און ער האט באלד פארשטאנען די כוונה

דערפון. האט ער אויפגעהויבן פון טיש דעם נארוואס פארגעלייגטן הערליכן 'כתב רבנות' און דאס צוריסן בפניהם פון די ראשי הקהלה...

און ער האט געזאגט: **"איך וויל אייך עפעס זאגן, די גאנצע סיבה פארוואס איך האב מסכים געווען אנצונעמען דאס פארשלאג פון דאס רבנות איז געווען ווייל איך האב געוואוסט אז אין אוהעל איז דא אזא איד ווי ר' דוד'ן, מיט וועמען איך וועל מיך קענען משתעשע זיין בחדוותא דאורייתא, נאר וועגן דעם בין איך גרייט געווען אהינצוגיין. אבער אויב איז דער ציל גאר מחלוקת, וועל איך נישט גיין בשום אופן".**

עס איז דאן געווארן ממש א מהפכה, די ראשי הקהלה פון אוהעל האבן געוויינט און זיך געבעטן ממש מיט טרערן אז דער סעקלהידער רב זאל יא אננעמען דאס רבנות, אבער עס האט שוין גארנישט געהאלפן, און ער איז פארבליבן אין סעקעלהיד ביז צו די ביטערע מלחמה.

ח' ה') עס דערציילט אונזער זיידע

**הרה"ג ר' משה הערש קליין שליט"א**

## שיחת חולין של תלמידי חכמים צריכה לימוד

עס איז געווען בשנת תשכ"ה, ווען **כ"ק מרן רביה"ק זלה"ה** איז געווען אין ירושלים עיה"ק.

עס איז געווען אין די לעצטע שעות בעפאר דער רבי האט פארלאזט ירושלים עיה"ק, ביים לעצטן באזוך מימי חייו, האב איך מיטגעהאלטן א ברית ביי אונז אין די משפחה, וואו דער רבי איז געווען סנדק, און דער רבי האט אויך געזאגט די ברכות וקריאת השם.

דער רבי האט זיך דאן געווערטלט, היות מ'האט געגעבן א נאמען דאס קינד 'נתן נטע חיים', האט דער רבי א פרעג געגעבן בדרך צחות אויפן נאמען 'נתן נטע', 'נתן' צי 'נטל'?!'... (מל' המשנה מקוואות פ"ז 'נתן סאה ונטל סאה).

ב. דערויף איז געקומען א איד מיט א נייע ספר תורה וואס ער האט געענדיגט שרייבן, און ער האט געוואלט אז דער רבי זאל אריינשרייבן אן אות אין די ספר תורה. איך בין דערביי געשטאנען ווען דער רבי האט אריינגעשריבן אן אות 'יוד' פון 'לעיני כל י'שראל'.

אזוי ווי דער רבי האט געענדיגט צו שרייבן, האט זיך דער רבי געגעבן א רוף אן מיט אזא שמחה **"געלויבט דעם אייבערשטן, איך האב שוין נאך א איד (יוד) געמאכט אויף דער וועלט!"** ער האט דאס געזאגט מיט אזא שמחה.

דאס איז דאך אלעמאל געווען דעם רבי'נס חיות צו מאכן אידן אויף דער וועלט, דעמאלטס האט ער דאס ארויסגעברענגט אויף אן אופן פון א ווערטל, מיט אזא ווערטל האט ער ארויסגעגעבן זיין גאנצע הייליגע עבודת הקודש.

ג. עס איז געווען ביי מיין תנאים, נישט מער געדאכט, מוצש"ק בראשית תשכ"ח, וואס איז פארגעקומען בביתו נאוה קודש אינעם רבי'נס ספרים צימער. לכבוד די קריאת התנאים פון די טאכטער פון יד ימינו מו"ח הרה"ח ר' עזריאל גליק ז"ל, און דער רבי איז דארט געזעסן שטארק אויפגעלייגט בצהלת פניו הק'.

די תנאים איז געשריבן געווארן דורך מוח"ז הרה"ח ר' **אליעזר לייזמידער** ז"ל, ער האט עס נאך געשריבן פון ספר 'נחלת שבעה', ומטבע הדברים איז געווען עטליכע פלעצער ווי עס איז האט געפעלט איינצעלנע ווערטער. דער רבי האט געליינט דעם תנאים, און זיך כסדר געווערטלט אויף די טעותים און די ווערטער וואס האבן געפעלט.

האט זיך מיין שווער ז"ל אנגערופן בדרך הלצה, אז די תנאים האט געשריבן דער זיידע רבי אליעזר, וועלכער איז געווען א בארימטער מוהל מומחה (באקאנט אלס 'רבי אליעזר דמילה'), 'ממילא האט ער געשניטן ווערטער פונעם תנאים'...

דער רבי האט א בליץ געגעבן מיט די אויגן כדרכו בקודש **'אויב ער איז א מוהל, און ער האט געמאכט חיתוך, לאמיר זעהן צי ער וועט אויך מאכן 'פריעה'...** (לשון נופל על לשון 'באצאלן' די הוצאות).

ח' ו') עס דערציילט אונזער זיידע

**הרה"ח ר' מנחם מענדל מיטטעלמאן הי"ו**

## יברכך ה' מציו"ן

עס איז געווען מיט יארן צוריק ווען איך האב געליטן אויף א מיחוש ל"ע, גייענדיג צו דאקטורים האבן זיי געזאגט אז עס איז נישטא קיין ברירה און מען מוז אפערירן. מיר האבן געמאכט אן אפויטמענט און זיך אנגעהויבן צו גרייטן צו די אפעראציע, וואס איז באשטימט געווארן סוף זומער, אין די טעג בעפאר די הילולא קדישא פון **כ"ק מרן רביה"ק זלה"ה**.

ווען עס איז געקומען נענטער צו די אפעראציע האב איך גערופן לביתו נאוה קודש פון **כ"ק מרן רבינו הברך משה זלה"ה**, מזכיר זיין און נעמען ברכת קדשו צו די אפעראציע.

האט דער רבי געפרעגט "אז מ'מאכט די אפעראציע וועסטו קענען גיין צום ציון כ"ו אב?", האב איך געענטפערט אז בדרך הטבע וועט מען זיך אין יענע טעג דארפן אפריעהן, און עס וועט נישט שייך זיין צו גיין צום ציון.

זאגט דער רבי "אויב אזוי, זאלסטו נישט מאכן די אפעראציע..."

אז דער רבי זאגט האב איך דאס מקבל געווען, און געקענסלט די אפעראציע, ומאז ועד היום הזה האב איך נישט געמאכט די אפעראציע, און דער מיחוש איז נעלם געווארן.

ח' ז') עס דערציילט אונזער זיידע

**הרה"ח ר' שלום אליעזר פראנקעל הי"ו**

## נפש תחת נפש

מיין זיידע, הרה"ח ר' יצחק פרענקל ע"ה פון טאשנאד, איז געווען א בארימטער מכניס אורח. ער האט זוכה געווען אז ביי אים אין שטוב זענען איינגעשטאנען מערערע רבנים, גאונים וצדיקים, בארימטע רבי'ס. יעדער איז ביי אים אויפגענומען געווארן מיט כבוד מלכים און געפראוועט שבתים אויפ'ן שענסטן אופן.

אמאל איז אנגעקומען אויף שבת הגה"ק ר' **אברהם יהושע פריינד** ז"ל, **דער נאסאדער רב**. דער זיידע האט צוגעגרייט א גרויסן שבת. עס זענען געווען חסידים ואנשי מעשה פון די ארומיגע געגנטער וואס זענען געקומען צו פארן אויף שבת להסתופף בצלו פונעם נאסאדער רב ז"ל, און מען האט געשחט'ן מערערע עופות אז עס זאל זיין בהרחבה גדולה פאר'ן גאנצן עולם.

ערב שבת האט זיך געמאכט א שאלה אין איינע פון די עופות, ווען מ'האט געטראפן א נאגל אין די פלייש, און מען האט נישט געוואוסט צי דאס איז טריפה. דער נאסאדער רב האט געהייסן אוועקלייגן די שאלה אויף נאך שבת, און אויך די כלים האט ער געהייסן אז מ'זאל עס דערווייל אוועקלייגן און ברענגען פרישע כלים.

ווען מ'האט געשחט'ן די פרישע עופות, האט זיך ווידער אמאל געמאכט א שאלה. ווידער אמאל האט עס געהייסן דער נאסאדער רב אז מ'זאל דאס אוועקלייגן אויף נאך שבת, ביז ווען מ'האט בלית ברירה געדארפט ברענגען כלים פון די ארומיגע שכנים, און מען האט שוין געדארפט איינטיילן דאס עסן און זיכער מאכן אז יעדער פון די אורחים זאל האבן געגוג.

פרייטיג צונאכטס האט דער נאסאדער רב געזאגט אז די געסט זאלן עסן פאראויס, און ער וועט שוין שפעטער נאכקומען פראווען דעם טיש.

אינצווישן איז דער זיידע, ר' יצחק, אוועקגעפאלן מיט א שווערע הארץ אטאקע ר"ל. מען האט גערופן דעם דאקטער. און דער דאקטאר האט געזאגט אז זיין מצב איז זייער ערנסט. מען איז געלאפן קלאפן אויפן טיר פון נאסאדער רב'ס צימער, און ער האט נישט געעפנט די טיר. דער מצב האט אויסגעקוקט זייער מסוכן.

12 אזייגער האט דער נאסאדער רב געעפנט די טיר, ער איז ארויסגעקומען, און מען דערציילט אים וואס עס האט דא פאסירט, אז דער בעל אכסניא איז אוועקגעפאלן, און זיין מצב איז זייער מסוכן.

דער **נאסאדער רב** איז אריינגעגאנגען אין זיין צימער, ער האט אים אנגעכאפט די האנט, און ער זאגט אים, "ר' יצחק, איר ווייסט דער עולם ווארט אויף אייך, הייבט אייך אויף און קומט ארויס צום טיש." דער זיידע ר' יצחק האט זיך אויפגעשטעלט געזונט און שטארק, און איז ארויסגעקומען צום טיש, און עס איז נישט געווען קיין זכר פון זיין מחלה.

מוצאי שבת האט דער נאסאדער רב גע'פסק'נט אז די ערשטע כלים וואס ער האט געהאט א שאלה, זאל מען באגראבן אין א גרוב. די צווייטע שאלה האט ער געהייסן פארטיילן פאר ארעמעלייט. און די דריטע האט ער געזאגט אז עס איז כשר און עס איז נישטא דערויף קיין שום שאלה.

מיט יארן שפעטער נאך די לוי' פונעם נאסאדער רב ז"ל, י"א אלול תרצ"ב, האט דער גבאי פונעם נאסאדער רב געזאגט פאר'ן זיידן "יעצט מעג איך אייך פארציילן. דער רב האט מיר געזאגט יענעם שבת, 'איך האב געמאכט חליפין, איך האב געהייסן באגראבן אין דער ערד די כלים פון ר' יצחק, כדי ר' יצחק זאל נישט דארפן גיין אין דער ערד.'"

ח' ח') עס דערציילט אונזער זיידע

**הרה"ג ר' נח גפן שליט"א** שו"ב

## תהילים בדמעות שליש...

דער רבי זי"ע - מרן רבינו הדברי יואל - פלעגט יעדן טאג זאגן תהלים בדמעות שלש פארן דאווענען, ער האט מתפלל געווען פארן אונזער דור.

מיין טאטע הרה"ח ר' **יושע** ז"ל (יארצייט י"א אלול) איז געווען אין פלארידע לטובת בריאותו, ווינטער תשכ"ח לפ"ק, אין די זעלבע צייט וואס דער רבי ז"ל איז דארט געווען.

האט ער מיר אהיים געשריבן א בריוו, און ער שרייבט בתוה"ד אז ער איז אריבערגעגאנגען דעם רבי'נס הויף וואו דער רבי האט געוואוינט, און ער האט געהערט דעם רבי'ן זאגן תהלים פאר'ן דאווענען.

דער רבי האט געהאלטן ביים פסוק (תהילים מט) "למה אירא בימי רע עון עקבי יסובני". האט דער רבי אזוי געוויינט ביי די ווערטער '**עון עקבי יסובני**'... אז אפילו יום הקדוש ביי כל נדרי האט ער נישט אזוי געוויינט... (ליפא גפן, בערל גפן)

**כל הזכיות שמורות למערכת זקניך ויאמרו לך:** צו איבערגעבן הערות, סיפורי צדיקים - מנדב זיין א גליון לעילו נשמת,
אדער נעמען א טייל אינעם קומענדיגן חלק וואס גייט בקרוב אין דרוק בס"ד: ביטע רופט די מערכת **Tellerkj@gmail.com/845-783-0735**